# דער האַמער




דערוואַכונג (אַפריקאַנישע פאַנטאַזיע) — צייכענונג פון ווינאָלד רייס

# THE HAMMER

No. 7. SEPTEMBER, 1926 Price 25c

Yehoash

**Lynching**

יהואש

## לינטשען

„פאַטער פון מיין זעל,
„וואו זאָל איך דיך געפינען? — “
פאַרשוועכער!
קוק אָן דיין ווערק:
אַ שוואַרצער לייב מיט בלוט באַשטרייפט,
אַ פנים פעך מיט אויסגעקעהרטע ווייסלען,
אַ רויטער צונג געשוואָלען
צווישען שימעריגע צייהן...

„פאַטער פון מיין זעל,
„און האַר פון אַלע לייבער,
„וואו זאָל איך דיך געפינען? — “
לעסטערער!
דער וואָס ציטערט אין די בלאָע וועבען
פון דיינע הייליגע פאַרנאַכטען,
דער וואָס נעבעלט זיך אין דיין געוויין ביי נאַכט,
און דיין געזאַנג ביי טאָג,
דער וואָס צאַפּעלט אין די רויגען
פון דיינע ניט געבאָרענע באַגעהרען,
דער וואָס רופט דיך, רייסט דיך, גרייסט דיך —

איז פלייש געוואָרען,
איז אַ שוואַרצער לייב געוואָרען
מיט גראָבע ליפּען און מיט קרויזע קאָלטענס,
און דיינע נעגעל האָסטו
אין זיין ריפּ געגראָבען,
מעסערס אין זיין ברוסט געשטאָכען,
איהם אַ גוסס׳ען באַשפּיגען,
איהם געלאָזט זיך וויגען
אויף אַ בוים...

.1919

"Father of my soul,
Where shall I find You? --"
Desecrator!
Look at your work:
A black body striped with blood,
A face of tar with upside-down whites of the eyes,
A red tongue swollen
Between glittering teeth...

"Father of my soul,
Lord of all flesh,
Where shall I find You? --"
Blasphemer!
He who shivers in the blue webs
Of Your holy dusks,
He who is fog in Your nocturnal weeping
And Your daily song,
He who trembles in the seeds
Of Your unborn desires,
He who calls to You, tears You, elevates You --
Has become flesh,
Has become black body
With thick lips and kinky hair,
And You dug Your nails
In his rib,
Pierced knives into his breast,
Spat at him as he was dying,
Abandoned him swinging
On a tree...

1919



RUVEN LUDVIG

(1895-1926)

[also: Reuben Ludwig]

Born in Lipovets, Kiev District, Ukraine. Studied in heder and in a Russian high school in Kiev. At the age of fifteen, immigrated with his mother and two sisters to join his father in New York, where he studied in an English school. Published an English poem in the Socialist daily The New York Call. Shifted to writing poetry in Yiddish: published with the poets of The Young Generation, then joined the Introspectivists. From high school on, suffered from tuberculosis. In 1918, moved with his wife to Arizona, then to New Mexico, California and Colorado. In 1925, Ludvig joined his parents in Benning, California, where he died. Posthumously, his widow published his Collected Poems (1927), edited by the Introspectivist poet A. Leyeles.



### Who Shot the Leprous Nigger

Bones roll, white-white bones,
Rattle-dee...rattle-dee...rattle-dee-dee...

Who tossed
White pieces of clouds
On a black-red sky?

(4)

## ווער האָט צעשאָסן דעם קרעציקן ניגער.

קייַקלען זיך ביינדלאַך, ווייסינקע ביינדלאַך,
רעטל-די . . . רעטל-די . . . רעטל-דע-די . . .

ווער האָט צעוואָרפן,
ווייַסע שטיקלאַך וואָלקנס
אויף אַ שוואַרץ-רויטן הימל?

זיבן, אַ זיבן, קום שיינע זיבן.
זיבן, קום זיבן, אַ קום גוטע זיבן . . .

ווער האָט צעטריבן
ווייסע זעגל-שיפלאַך
אויף אַ טיף-רויטן יאַם?

ווער האָט פאַרשפּילט?
ווער האָט געוואונען?

ווער האָט צעברעקלט
פּיצלאַך צעריסענעם מאַרך
אויפן בלוטיקן טייכל?

העי —
ווער האָט צעשאָסן דעם קרעציקן ניגער?

⁂

קייקלען זיך ביינדלאַך ווייסינקע ביינדלאַך —
רעטל-די . . . רעטל-די . . . רעטל-דע-די . . .

ווער האָט צעלעכערט דעם ברוינעם קרוג,
און צעגאָסן זיין רויטן וויין?

זיבן, אַ זיבן, קום שיינע זיבן,
זיבן, אַ זיבן, קום גוטע זיבן.

ווער האָט באַפעסטיקט דעם אינזל פון טרויער
אויף דעם פינסטערן קלעפּיקן וואַסערל?

ווער האָט פאַרשפּילט?
ווער האָט געוואונען?

ווער האָט פאַרשפּאַרט דעם ליכטיקן סאָד
הינטער שוואַרץ-גרויע באַרגיקע ליפּן.

העי! אַ העי —
ווער האָט צעשאָסן דעם קרעציקן ניגער?

1923

Seven, oh seven, come beautiful seven.
Seven, come seven, oh come good seven!

Who scattered
White sailboats
On a deep-red sea?

Who lost?
Who won?

Who crumbled
Bits of bone marrow
In a bloody river?

Hey --
Who shot to pieces the leprous nigger?

Bones roll, white-white bones --
Rattle-dee...rattle-dee...rattle-dee-dee...

Who broke the brown jug
And spilled the red wine?

Seven, oh seven, come beautiful seven.
Seven, come seven, oh come good seven!

Who built up the island of mourning
In the dark sticky water?

Who lost?
Who won?

Who sealed up the bright mystery
Behind black-gray mountainous lips?

Hey --
Who shot to pieces the leprous nigger?

(1923)

## Sing, Stranger

Stranger, .

Our steps will measure the length and breadth of the land
And seek the wonders of the land.

Our sweat will not plow the raw earth,
Not fill to bursting the granaries of the land.

Our blood will not color the yellow word-fall
Of festive main-street carnivals.

Our hands will not tighten white ropes
Around black necks of Georgia's sons.

Our hands will not light pyres
For a black body of Louisiana.

Our mouths will not hurl poisoned words
At a brown dying face of New Mexico.

We shall only seek the wonders of the land
On the desolate roads of the land.

Our steps in the dust of distant roads
Will become the wonders of the land -- --

Stranger, stranger.

When you hear my joyful song of the muddy Mississippi,
Let sparks of happy sorrow kindle in your eyes.
And sing with me, stranger,
Sing with me -- --

When you hear my sad song of sunny Arizona,
Let smiles of dreamy joy twitch in the corners of your lips.
And sing with me, stranger,
Sing with me -- --

When you hear my hymns to the rugged Sierras --
Shut your eyes, bow quietly,
And sing with me,
Sing with me -- --

## זינג, פרעמדער

פרעמדער,
אונזערע טריט וועלן מעסטן די לענג און די ברייט פונם לאַנד,
און זוכן די וואונדער פון דעם לאַנד.

אונזער שווייס וועט ניט אַקערן די רויע ערד,
און לויזער מאַכן מיט שעפע דעם בויך-גאַרטל פון לאַנד.

אונזער בלוט וועט ניט פאַרבן דעם געלן ווערטער-פאַל
פון דעם יאַנטעוודיקן מעין-סטריט קאַרנאַוואַל.

ניט מיר וועלן פאַרציען די ווייסע שטריק
אַרום די שוואַרצע העלזער פון דזשאַרדזשיאַס זין.

ניט מיר וועלן צינדן די שייטער-הויפנס
פאַרן שוואַרצן לייב פון לואיזיאַנאַ.

ניט מיר וועלן שליידערן פאַרסאַמטע רייד
אויפן ברוינעם גויסעסדיקן לייב פון ניו-מעקסיקאַ.

מיר וועלן בלויז זוכן די וואונדער פונם לאַנד,
אויף די וויסטע וועגן פונם לאַנד.

אונזערע טריט אויפן שטויב פון די ווייטע וועגן
וועלן ווערן די וואונדער פונם לאַנד . . .

פרעמדער, פרעמדער.

ווען סטו הערן מיין פרייד געזאַנג וועגן דער ברודנער מיסיסיפּי,
זאָלן פייערלאַך פון פריידיקן טרויער זיך צינדן אין דיינע
אויגן.
און זינג מיט מיר, פרעמדער,
זינג מיט מיר . . .

ווען סטו הערן מיין טרויער געזאַנג וועגן דער זוניקער
אַריזאָנאַ,
זאָלן שמייכלען פון טרוימיקער פרייד צוקן אין די ווינקלען
פון דיינע ליפּן.
און זינג מיט מיר, פרעמדער
זינג מיט מיר . . .

ווען סטו הערן מיינע הימנען צו די שפּיציקע סיעראַס —
מאַך צו דיינע אויגן און שטילער פאַרנייגונג.
און זינג מיט מיר,
זינג מיט מיר . . .

מיר וועלן זוכן די וואונדער פונם לאַנד,
און זינגען אונזער לעצט געזאַנג
צו דער ערד, ניט אונזער ערד.
מיר וועלן זינגען אונזער שוואַנען-ליד
צו דער היים, ניט אונזער היים.
פרעמדער,
אייגענער
פרעמדער . . .

1924

52

We shall seek the wonders of the land
And sing our last song
To the earth,
Not our earth.
We shall sing our swan song
To the home,
Not our home.
Stranger,
Our own
Stranger -- --

## דעיזי מעקלעלאַן

דעיזי מעקלעלאַן, די פרוכטלאָזע מוטער פון שטעטל.
איר כופּע-בעט איז געשטאַנען ביי אָפענע טירן.
און וועט בלייבן, און וועט שטיין הינטער אָפענע טירן.
געטריי איז איר לייב, און נאָכגיביק אויפצונעמען דעם
אָפּפאַל פון לעבן.
גרייט איז איר לייב, און געדולדיק צו זיין דער אָפּגרונט
פאַר ניט געבוירענע.
צוויי דורעס מיט זאמען טריקענען שוין איצטער אין איר
טראכט.
צוויי דורעס מיט זאָמען פוילן אין אירע געדערים.
די זאָמען פון פאָטערס פּיאָנערן,
און פון נייגעריקע אייביק זוכנדע אינגלאַך.

מיט געזונטע הענט האָט זי צוגעבונדן שטאַרקע זין צו דער
רויער ערד.
ווילדע סרייפעס פון זעלבסט-פאַרצערונג האָבן זיך געצונדן,
און זיך אָפּגעקילט אין דער מיטנאַכט שטילקייט ביי איר
כופּע-בעט.

**Daisy McClellan**

Daisy McClellan, barren mother of the town.
Her wedding-bed stood in open doors.
And will remain, standing in open doors.
Faithful is her body, yielding to take in the refuse of life.
Ready is her body, patient to be the bedrock for the unborn.
Two generations of semen lie dry in her womb.
Two generations of semen rot in her guts.
The semen of pioneer fathers
And of curious ever-searching boys.

With strong hands she bound sturdy sons to the raw earth.
Wild fires, self-devouring, flared
And cooled in midnight silence at her wedding-bed.

עקשנות, געדולד, האָבן זיך געשאַרפֿט ביי די ברעגן פֿון
איר כופּע-בעט.
עקשנות צו זיין,
זיך איינוואָרצלען אין דער רויער ערד און בלייבן.
באַגער צו זיגן,
שטיין מיט שווערע קעפּ אונטער שווערע האָגלען —
און זיגן.
געדולד צו בויען.
ברענגען מוטערס, ברענגען זין און טעכטער,
און בויען, בויען,
בויען.

דעיזי מעקלעלאַן!
פֿאַרוואָס דערלאָזט מען ניט דיינע הענט זאָלן צערטלען
די קינדער מיט ווייסע קעפּלאַך?
פֿאַרוואָס טאָרן דיינע פֿינגער ניט גלעטן די קעפּלאַך מיט
די העלע אויגן?
פֿאַרוואָס זאָלן דיינע ליפּן ניט באַרירן די ברוינע באַשפּרינקל-
טע בעקלאַך?
דעיזי מעקלעלאַן —
די פֿרוכטלאָזע מוטער פֿון שטעטל.

1925

Stubbornness, patience, were honed at the shores of her wedding-bed.

Stubbornness to be,

To strike roots in the raw earth and endure.

Lust to win,

With heavy hands under heavy hail -- to stand and win.

Patience to build.

To bear mothers, to bear sons and daughters,

And build, build,

Build.

Daisy McClellan!

Why won't they let your hands stroke the tow heads of children?

Why must your fingers not caress the bright-eyed faces?

Why should your lips not touch the brown-freckled cheeks?

Daisy McClellan --

Barren mother of the town.

## אינדיאַנער מאָטיוון

1

אָ, איר ווייס געזיכטיקע,
אָ, ווייס-הויטיקע,
צילט ניט אייער נייגעריקייט.
זאָלן אייערע טריט אייך מער ניט ציען
צו די נידעריקע שטיבלאַך,
צו די קויטיק-געלע, ליים-געבויטע,
צו די אויפֿגעשטעלטע נאָרעס
פֿון דעם קליינעם פּימאַ-שייוועט
צו דעם יישעוו קאַמאַטקע.

זאָל דער קלאַפּער-שלאַנג
אייער טראָט דערציטערן.
זאָל דער „הילאַ-מאָנסטער“
אייך מיט זיין גיפֿט שרעקן.
זאָלן די עסטרעלאַ-בערג
אייך דעם וועג פֿאַרשטעלן.
זאָל דער הייסער מידבאַר-זאַמד
רויט ביז בלוט-פֿאַרלאָפֿנקייט
אייך די אויגן בלענדן,
זיי ביז בלינדקייט פֿרעסן.

## Indian Motifs

1

Oh, you palefaces,

Oh, paleskins,

Do not aim

Your curiosity at us.

May your feet not draw you

To the low hovels,

To the dirty-yellow, clay-built,

To the adobe dens

Of the small Pima tribe,

To the village of Kamatuk.

May the rattlesnake

Make your step tremble.

May the gila monster

Scare you with is poison.

May the Estrella mountains

Block your way.

May the hot desert sand

Dazzle your eyes,

Redden them with blood,

Eat them blind.

אָ, איר ווייס-געזיכטיקע,
אָ, ווייס-הויטיקע,
קומט איר אייער רואיקייט איצט זוכן,

די שוין-לאַנג פֿאַרלאָרענע,
אויף די אָרימע, פֿאַרטריקנטע,
אויף די אָפּגעצאַמטע
מידבר-פֿעלדער
ביי דעם יישעוו קאַמאַטקע?

צי איר שפּאַנט אַהער ווי זיגער,
אייער האַרץ מיט פֿרייד אָנזעטיקן
וואָס מיט זאַמד גלייך
ליגט די שטאָלצקייט
פֿון דעם קליינעם פּימאַ-שייוועט?...
צי איר קומט זיך וואונדערן
זען, ווי די שטאַרקע ברוינע לייבער
און די מוסקולן פֿון בראָנז,
אָנגעשטרענגט, פֿאַרבענקט רייסן זיך
פֿון די אָרים-לייכטע קליידער
צו דער פֿרייהייט פֿון אַמאָל —
צו די שטראָמען וואַרעמקייט
פֿון דער זון?

עפּשער, עפּשער ווילט איר איצט שוין טרעפֿן
וואו, אין וועלכן ווינקל,
וועט דער לעצטער פֿון די פֿאַרטריבענע
און פֿאַריאָגטע אין אַן אייגן היים-לאַנד
זיך אויסציען און פֿאַרגיין
מיט דעם לעצטן זיפֿץ,
מיט דעם לעצטן אָטעם
פֿון דעם פּימאַ-שייוועט?

אָ, איר ווייס-געזיכטיקע,
אָ, ווייס-הויטיקע,
וועקט ניט וואונדן אין די הערצער.
ברענגט ניט טרויער פֿון אווייִלים,
וואַנדערט ניט אין זאַמד און מידבר
צו דעם קליינעם פּימאַ-שייוועט,
צו דעם יישעוו קאַמאַטקע.

Oh, you palefaces,
Oh, paleskins,
Did you come to seek your calm,
Your long-lost calm,
In the barren, dried-out,
In the fenced
Desert fields
Of the village Kamatuk?

Or do you stride here like victors,
To fill your hearts with joy,
For like sand at your feet
Lies the pride
Of the small Pima tribe?
Or do you come wondering
How strong brown bodies,
Muscles of bronze,
Tense and yearning, burst
From their light, shabby garments
To the freedom of bygone days --
To streams of warmth
Of the sun?

Or perhaps you came to divine
Where, in what corner,
The last of the exiled,
Of the crowded into a homeland,
Will stretch out his bones
With a last gasp,
The last breath
Of the Pima tribe?

Oh, you palefaces,
Oh, paleskins,
Do not wake the wounds in our hearts.
Do not bring the grief of mourners,
Do not wander in sand and desert
To the small Pima tribe,
To the village Kamatuk.

# טריט אויף זאַמדיקע וועגן

1

מידבאַר.

די פולע ברעגן פון אַ ברייטער טאַץ,
גיסן זיך איבער מיט ליכט —
דאָ לעבט די זון.

2

וועגן.

לאַנגע שלענג מיט געלע רוקנס
פאַרשלעפּן אונזער שווערן אומגליק,
און ברענגען אים צוריק.

3

פריידיקע רו.

ווייסע בליטן פון דעם, וואָס איז אונזערס,
שפּאַרן זיך דורך דעם הייסן זאַמד.
אָ, גאָלדענע רו.
דער הימל מעג פאַרשליסן פאַר אונז זיין גענאַד —
מיר ווילן ניט רייסן די צייטיקע פרוכט.

4

נאַכט.

די ליכטיקע שיפן פונם יאַם
ליגן אין דעם טיפן אָפּגרונט.
שטיל.
די כוואַליעס גלעטן ניט דעם ברעג,
און קיינער רופט ניט נאָך הילף.

5

אַ גרופּע פעלז־בערגלאַך.

צעפאַלענע שלעסער
פון אַ פאַרלאָרענעם שייוועט
גויסן מיט אָפענע מיילער,
און שטילע זקיינים
איינגעהויקערטע מיט יאָרן,
כאָלעמען אין אַ זוניקן דרימל.

6

ווייטע בערג.

די אויפגעדעקטע בריסט
פון דער מידבאַר ערד
באָדן זיך
אין טינט־בלויע וואַסערן.

## Steps in Sandy Trails

### Desert

Full brims of a broad tray
Overflow with light --
Here lives the sun.

### Trails

Long serpents with yellow backs
Carry off our heavy disaster,
And bring it back.

### Joyful Calm

White flowerings of what is ours
Bud through the hot sand.
Oh, golden calm.
The sky may close off its grace --
We do not want to pluck the ripe fruit.

### Night

Shining ships of the sea
Lie in the depths.
Stillness.
Waves do not caress the shore.
And no one calls for help.

### A Group of Rock Hills

Caved-in castles
Of a lost tribe
Gape with open mouths.
Quiet old men,
Hunched with years,
Dream in a sunny doze.

### Distant Mountains

Bared breasts
Of the desert earth
Bathe
In ink-blue waters.

7

מיר.

זע,
אויך דער מידבאַר האָט געלע בלימעלאַך,
האָט רויטע און בלויע בלימעלאַך.
דאָס זיינען מיר —
צווישן אונזערע ווילדע שכיינים.

8

שרעק.

פאַרביי אונזערע צעעפנטע אויגן
יאָגן זיך נאָך באַרג-לייבן,
וואָס זוכן אונזער פלייש.
דאָס לויפן צעשראָקענע קראָליקעס
ווי פיילן, צו זייערע לעכער.

9

דער אָדלער.

שוואַרצע פליגל
לויערן ווי ווינטן
איבער די פוסטע נאָרעס.
ניט די נאָדלען פון קאַקטוסן
האָבן פאַרגאָסן דאָס בלוט.

10

זון אונטערגאַנג.

ווייסע לייבער
פון פאַרשייטע קינדער
זיינען געפאַלן ניט דערקוילעט
אויפן הימל-זוים —
אין מאַריוו.

1923

Us

See, the desert too has little yellow flowers,

Red and blue little flowers.

That's us --

Among our savage neighbors.

Fear

Past our open eyes,

Mountain lions rush

Seeking our flesh.

They are scared rabbits dashing

Like arrows, to the their holes.

The Eagle

Black wings

Hover like winds

Over empty burrows.

Not cactus needles

Shed the blood.

Sunset

White bodies

Of frivolous children

Fell unslaughtered

On the sky-seam

In the west.

## מעקסיקאַנער ביידלאַך ביים קאַנאַל.

דאָס געזאַנג פון מוטנע וואַסער
צווישן שמאָלע נידעריקע ברעגן
צו דער ווייטער אייביקייט.

די שוימיקע כוואַליע ביים וואָלוואָרט טורם,
צעפּאַלט זיך נישט אַזוי.

אַ, פליטער־פלאַטער פון גרויע זעגלען,
ווי ליכטיקע טויבן צום בלויען הימל —
צו דער טונקעלער אייביקייט.

די מידע שוואַלבן, ביים ווינטיקן ברעג פון דער ברייטער מישיגען
צעשוועבן זיך נישט אַזוי.

און, פלינק־פלאַנק־פלינק, פריילאַכע גיטאַרע,
טאַנצנדיקע פיס אויף זוניקע וועגן
צו דער טיפער אייביקייט.

דער גרויער שאָטן־מאַרש ביי די ווענט פון שטעט און שטעטלאַך,
ציט זיך, ציט זיך,
און דערפירט זיך נישט אַזוי.

אַזוי :
פלינק־פלאַנק־פלינק, פריילאַכע גיטאַרע,
מיט גרינגע טאַנצנדיקע פיס,
אויף ברייטע ליכטיקע וועגן,
צו דער ווייטער, צו דער טונקעלער,
צו דער טיפער אייביקייט.

1923

## Mexican Shacks on the Canal

Song of muddy water
Between low narrow shores -- --
To distant eternity.

The foamy wave at the Woolworth Tower
Does not break like this.

Oh, glitter-glide of gray sails
Like bright doves in blue sky --
To dark eternity.

Weary swallows on the window shore of wide Lake Michigan
Do not scatter like this.

Plink-plunk-plink, jolly guitar,
Dancing feet on sunny roads -- --
To deep eternity.

Gray shadow-march under walls of cities and towns
Drags on, drags on,
And does not carry like this.

Like this:
Plink-plunk-plink, jolly guitar,
With light dancing feet
Over wide bright roads -- --
To the distant, to the dark,
To the deep eternity.



94

## דער אלטער ליוואי

דו וועסט שוין ניט זיין
מיין העלד פאר א לעגענדע,
אלטער ליוואי.

דאס איז געווען אמאל —
דערציילן אלטע פיאנערן —
ווען דיינע יארן
האבן זיך אין דריי־צענדליק
בלויז געציילט:

האסטו אין איין נאכט פארהוליעט
די זעקלאך מיט גאלד־שטויב,
וואס דו האסט אין א מידבאר־גרוב
פינף יאר געגראבן.

ווער ס'האט נאר אין שענק געטרונקען —
איז דיין גאסט געווען.
אלע פופצן אויסגעלאסענע מיידלאך
האבן פאר דיר
אין אויבער־שטיבל געווארט,
און דאס איין־און־איינציק אויסגעפוצטע געסל
פון דעם שטעטל
האט יענע נאכט גארניט געוואוסט,
אז א נאכט איז געווען אויף דער ערד.

און איצטער —
אלטער ליוואי,
דיינע אוונטן פארגייען ביי דער פיאנא,
מיט דיינע אלטע ציטערדיקע פינגער
שפילסטו פאר די ברוינע מעקסיקאנער
אין דעם הינטער־צימער
פון דעם אמאליקן טרינק־הויז.

זיי מוזן זייערע גראבע רייד פארגעסן,
זיי קנאקן אונטער מיט די צונגען,
און איינער צו דעם צווייטן ווינקט:
א ווי טרויעריק עס שפילט היינט
פאדרעי אנטאניא,
פאטער אנטאניא.

פארוואס רופן זיי דיך אזוי,
אלטער ליוואי:
פאדרעי אנטאניא,
פאדרעי אנטאניא?

**Old Levi**

You will not be
My hero for a legend,
Old Levi.

Long ago --
Old pioneers tell --
When you were
In your thirties:

In one night you squandered on a spree
The bags of gold dust
You mined for five years
In a desert pit.

Anyone drinking in the saloon
Was your guest.
All fifteen loose girls
Were waiting for you
In the attic.
And the only fancy street
In town
Did not know
There was a night on earth.

And now --
Old Levi,
Your evenings pass at the piano,
Your old shaky fingers
Play for the brown Mexicans
In the backroom
Of the old saloon.

They leave their coarse talk,
Cluck their tongues
And wink to one another:
Oh, how sad he plays today,
Padre Antonio,
Father Antonio.

Old Levi,
Why should they call you:
Padre Antonio,
Father Antonio?

און איך וועל ניט דערציילן,
איך וועל קיינעם ניט דערמאנען
די סודעס וואס זיינען פאר דיר אליין פארבארגן,
אז די לידער פון דיין שייוועט —
א געזאנג פון די לעוויאים
שפילסטו יעדע נאכט פאר זיי.

אז איך בין דער איינציקער,
וואס האט צוגעקוקט,
ווען זיין שטאלצקייט האט זיך געברעקלט —
ווי זיין האנט האט זיך שוין אויסגעשטרעקט
און געבעטלט.

און אז דו אליין
וועסט דורך די נעפלען פון טויט,
וואס פארציען שוין דיינע אויגן,
באלד דערזען:
אז דיין לעבן איז געווען
בלויז איין לאנגע זינדיקע מינוט.

ניין,
דו וועסט שוין ניט זיין
מיין העלד פאר א לעגענדע,
אלטער ליוואי,
פאדרעי אנטאניא.

1920

And I will not reveal the secret

Hidden even from yourself:

That you play for them every night

The melodies of your tribe --

A song of the Levites.

For I am the only one

Who saw,

When his pride crumbled --

How his hand reached out

And begged.

And you yourself,

Through the mists of death

Veiling your eyes,

You will see

That your life was but

One long sinful moment.

No,

You will not be

My hero for a legend,

Old Levi,

Padre Antonio.

## Yosl Cutler

1896, Troyanov, Tsarist Empire (now Ukraine)–June 11, 1935, U.S.

An acclaimed artist and cartoonist as well as a writer, Yosl Cutler, who immigrated to the United States in 1911, brought an important visual element to Yiddish proletarian literature. He studied, and later taught, painting, and, together with Zuni Maud, created the Yiddish marionette theater Modakut in 1925. Cutler's career was cut short when he was killed in a car accident while on a *Frayhayt*-sponsored marionette tour across the United States in 1935.

### Neckst

עפשער האָט איר אַ ביסעלע צייט
און אייך ווילט זיך
אַ ביסעלע פֿאַרברענגען,
נעמט און הענגט עפּעס.
הענגט, הענגט,
שעמט זיך נישט.
אַ שטריק איז דאָ,
אַ בוים איז דאָ,
הענגט הענגט,
הענגט אַ נעגער־מענטש.
אַן אַלטן נעגער,
אַ יונגן נעגער,
אַ זיידע־נעגער,
אַ באָבע־נעגער,
אַ „בייבי"־נעגער –
אַלע שוואַרצביינעוודיקע
און געקרייזלט אַ כיעס,
אַ כיעס צו הענגען,
די נעגערס אַף טליעס.
הענגט, הענגט,
הענגט וואָס ניט איז.
אַ סאָדערן דזשענטלמען
דאַרף נישט זיין קיין איבערקלייבער,
אַבי אַ שוואַרצער קאָליר.
און אויב אַ ברוינער ווי ביר?
איז אויך נישקאָשע.
טויט נעגערלייט
און לעבט אַ טאָג.
נישקאָשע,
די אַרבעט וועט נישט זיין אומזיסט.

### Neckst (1934)

Maybe you've got a little time
and don't know
how to spend it.
Take something and hang it.
Hang it, hang it,
don't be shy.
Here's a rope.
Here's a tree.
Hang, hang,
hang a Negro-man.
An old Negro,
a young Negro,
a grandpa Negro,
a granny Negro,
a baby Negro—
all of them, beautiful and black.
The curly pleasure,
a pleasure to hang
these Negroes on gallows.
Hang, hang,
hang whatever.
A *suthn* gentleman
oughtn't be particular,
long as the color is black.
And if he's brown like beer?
Also okay.
Kill black folks,
live it up!
Okay,
this work won't go unpaid.

אין טאָג פון דיןוועכעשבן
וועט דער נעגער נישט מאַכן
קיין שום קונצן מיט אייך.
ער וועט זאָגן זייער פּאָשעט:

רעב דזשענטלמען,
דאָס העלדזול פּליז!
היק־מיק כיק,
טענק יו, נעקסט!

רעב ריכטער פון אַלאַבאַמאַ,
זאַי– – – – – –טשע מויכל,
אַהער דאָס העלדזול
אַף איין מינוטקעלע!
היק־מיק־כיק!
טענק יו, נעקסט!

ס'איז עמעס אַז איר זענט
זייער נישט איינגעוואוינט
צו זיין אַ טויטער מאַן –
אָבער נישט געפערלעך
פּאָגראָמשטשיקעס
זענען זייער נישט איינגעוואוינט
אַז מע זאָל זיי פּערזענלעך אויפהענגען,
אָבער די סאָוועטן־מאַכט
האָט זיי אויסגעלערנט הענגען,
און זיי הענגען גאַנץ גוט
ווי דערפאַרענע געהאַנגענע.

און מיט אייך,
דזשענטל־לינטשל־לייט,
וועט זיין די איינענע מאַיסע –
מע וועט אייך איינמאָל אונטערהענגען
און נאָכאַמאָל

און ווידעראַמאָל
און אַזוי צו ביסלעך,
וועט איר זיך איינגעוואוינען הענגען
ווי די שיינע הענגלייכטער.
אַזוי ווי אין יעדן ספּאָרט
האָט איר זייער ליב
צו זיין איבערשטייגער,
אַזוי אויך אַף דער טליע
וועט איר ווייזן וואָס איר קענט,
און הענגען
בעסער פון אַ נעגער,
שענער פון אַ נעגער,
קולטורעלער פון אַ נעגער,
ווייל וואָס איז אַ נעגער?
משטיינס געזאָגט,
אויך מיר אַ הענגער!

Come Judgment Day
the Negro won't go playing
any tricks on you.
He'll say real simple:

Reb Gentleman,[2]
your neck, please!
Ungh-urgh, ungh.
Thank you, next!

Reb Judge from Alabama,
So—so sorry,
pass the neck
for just a minute!
Ungh-urgh, ungh!
Thank you, neckst!

It's true that you are
very unaccustomed
to being a dead man—
but don't worry
*pogromists*
are quite unaccustomed
to being hanged, themselves,
but the Soviet-power
taught them to hang,
and they hang pretty good
like experienced hangees.

And with you,
gentle-lynch-folk,
it will be the same story—
they'll hang you a bit
and do it again

and one more time
and little by little,
you'll get used to hanging
like the pretty chandelier.
Just like every sport
you really love
to surpass the rest,
no different on the gallows
you'll give 'em what you got,
and hang
better than a Negro,
prettier than a Negro,
more cultured than a Negro.
Cause what's a Negro?
Good-for-nothing,
you call that a hanger?

Moyshe-leyb Halpern

# סאַלוט

בײַ אונדז אין לאַנד איז אויך עפּעס דאָ —
און װוּ קיין לאַמטערן־סלופּ איז נישטאָ
איז דאָ אַ בוים — און דאָס מיינט דאָך קלאָר
אַז אַ נעגער איבער צוואַנציק יאָר
מען האַסן אַלץ וואָס שטרעקט זיך אַרויף
צו האַלטן דעם, וואָס מען הענגט אים אויף.
נאָר יענעם וואָס, איך האָב שטאַרבן געזען,
קיין פֿופֿצן איז ער ניט אַלט געווען.

די ווײַסע אַלטע מויד האָט ניט אויסגעזען זיס.
אַ פֿאַרזשאַווערט שלאָס אויף אַן אַלטן וואַליס
די נאָז מיטן פּיסק. — און די הענט מיט די פֿיס,
איך זאָג דיר — זיך צורירן הויט צו הויט
צו אַזאַ מין פֿליאַקע, איז בעסער — טויט.

דו ביסט דו. — דאָס האָט זי אים אָנגעקלאָגט. —
און דו וועסט בײַ מיר הענגען, האָט זי געזאָגט.
עס איז וואָר — ר׳האָט אין טויטשרעק פּאַסקודנע געלאַכט;
נאָר געלאַכט האָט זי אויך און די סמאָלע געבראַכט,
און באַקוקט דעם בוים איבער זיך אין דער הייך.
און די פֿרייד פֿון המון בײַ דעם ערשטן רויך,
איך שווער — פֿון אַ משוגעים־הויז,
אין אַ שׂרפֿה, הערט מען אַזוינס ניט אַרויס.

און דער ערשטער לעפֿל סמאָלע בײַם האַרץ
איז הייס אויף הייס, און שוואַרץ אויף שוואַרץ.
און די אויגן ניט בליץ, נאָר אַ ווײַס געשטאַרץ.
און דאָס לײַב — עס רײַסט זיך פֿון דער הויט;
ניט אַנדערש, עס וויל זיך אויסטאָן פֿון טויט.

אָבער ניט נאָר האָט מען דעם בהמהניק
פֿאַרוואָרפֿן אַרום האַלדז אַ שטריק,
נאָר די פֿאָן פֿון דער רעפּובליק האָט מען אויך
אַרויפֿגעצויגן אין דער הייך —
און דער הימל איז בלוי — אים גייט ניט אָן —
און בײַם ווינט איז אַ שׂמחה מיט דער פֿאָן,

און איך — געשלאָגענער הונט — ניט אַ וואָרט.
ניט אַרײַנגעלייגט גאָרנישט — אַ שותּף צום מאָרד.

נאָר מען דאַרף ניט פֿאַרשלינגען אַ חזיר־שטאַל
צו ברעכן מיט דער גרינער גאַל,
דאָס באַזאָרגט שוין דער גלח, דער חכמה־קוואַל —
אויב די שוואַרצקייט — זאָגט ער — איז גאָטס אַ גרײַז,
איז אַ זינד זי צו לאָזן זיך מישן מיט ווײַס.

און איך זאָג דיר — ס׳איז ניט דער קרעכץ פֿון צווײַג,
ניט דער שטריק, מיטן גאַנצן קלאַפּערגעצײַג,
ניט דאָס פֿעדערל אין ווינטגעטרײַב
וואָס האָט פֿאַרזאַמט זיך צו קלעפּן צום לײַב,
נאָר דו — דאָס טרויער־געשטאַנק פֿון דער וועלט
וואָס האָט זיך פֿון ווײַטן אַנידערגעשטעלט,
מיט די הענט, דורך די קעשענעס, בײַם דיך,
פֿאַרטראַכטן אַ ליד פֿאַר דער וועלט און פֿאַר זיך.

גיי בעסער, וועק אויף דעם כּלי־זמר שאָפּען,
און זאָל ער אַ פּליוכע טאָן, אויב ער קען,
מיט טענער אַ ביסל — און זאָל מען זען,
אַז אַ גוי איז אויך אַ כּל־נדריניק,
ווען מען דאַרף צו פֿאַרגאָסן בלוט — מוזיק.

# Salute

There's always something in our land, too,
And when there's no lamppost that will do,
There's a convenient tree: what's clear's
That a Black of at least twenty years
Hates anything tall that, in a pinch,
Would hold you high enough to lynch.
Although the one that I saw get
Hanged, wasn't quite fifteen yet.

The white old maid has an unsweet face;
Like a rusty lock on an old suitcase
Were her nose and mouth, it must be said;
Feet? Hands? with such an old bag, instead
Of touching her skin, you're better dead.

She charged him: *You're the one,* she said,
*I'll have you hanged until you're dead.*
In his panic he laughed and befouled himself, true,
But she brought along tar, and she laughed too,
And gave a look at the tree up there.
As the first smoke puff went up, I swear,
The crowd—but you'd never hear the same
Even in looney-bins set aflame.

Tar at his heart, the very first spot,
Is black over black, hot over hot,
Each eye not lightning—a soft, white blot.
Body twists skin off, as if trying
Thus to divest itself of dying.

Not only was a rope then flung
And around the neck of the carcass strung,
But other ropes were pulled up high
Causing the Stars and Stripes to fly.
But the sky is blue and doesn't care,
And the flag's a joy to the windy air.
And I—whipped dog—watching what occurred,
A partner in crime, said not a word.

You don't need to swallow a pigsty, I guess,
To vomit up a greenish mess—
Just hear the priest, wisdom's fount, who says
If Blackness was God's blunder to begin,
Then letting it mix with white's a sin.

It's not the branch, its whining prattle,
Nor the rope, with its dangling rattle,
Nor the windblown feather, that had to miss
Its chance to give the corpse a kiss,
But you—the whole world's sorrow-stink
Who stood at a distance there to think—
Playing pocket pool, with your fingers curled—
To dream up a poem for yourself and the world.

Now go wake up Chopin, the musician, and let
Him overflow (if he doesn't forget
How) with tinkling noises, and you can bet,
When bloodshed needs background music, that few
Gentiles can't sing the *Kol Nidre* too.

**John Hollander**



Berysh Vaynshteyn, 1949

# Berysh Vaynshteyn

1905–1967

Berish Vaynshteyn's* first book of poetry, *Brukhshtiker* ("junk"—literally, "broken pieces"), with its rough surface, elliptical and uncouth syntax, Galician dialectical expressions, and rich naturalistic American details in a surrealist composition, was a tour de force of expressionistic poetry about the lower depths of New York.

Vaynshteyn was born in Reyshe (Rzeszow), Galicia. At the age of eighteen he went to Vienna, and at twenty he settled in New York. Like many of his contemporaries, the Holocaust brought him back to writing about his hometown in the old country and its Hassidic milieu. Vaynshteyn's trilogy of epic, book-length poems encompasses his three homelands: *Reyshe* (1947; later translated into Hebrew), *America* (1955), and *In King David's Estates* (1960), which describes Israel as the imaginary biblical land of his childhood and the land in which his children settled.

The poems of *Broken Pieces* (1936) were included in Vaynshteyn's better known book of *Poems* (1949). They were, however, severely edited and lost some of their original roughness as well as a number of important descriptive details (including some ethnic remarks). Here the original text has been restored.

Berish Vaynshteyn



### ➤ נעגעריש דאָרף

ס׳בליט דער הימל קאַלט און אויסגעשטערנט איבער נעגערישע כאַטעס.
אָפּגעריננע וואַסערן פון מילדן שניי, גליווערן דין אין אײַז.
קוימענס שטײַגן רויכיק און טונקל, נאַפט-לעמפּלעך באַפּלעמלען די שויבן,
און דורך די שויבן זינגען נעגער אין אַ זונטיק, אין נעגערישן דאָרף.

ס׳איז היימלעך אין נעגערישן דאָרף אין אַ זונטיקדיקן ווינטער-אָוונט.
שוואַרצלײַב אין הייסן זײַד, לאָקערן אויף שטראָזן נאָך אַ נעגער יונג
און אַנטרינען גלוסטיקע מיט געלענדטע היפּטן פון ווילדע הענט,
דורך שכנותדיקע פעלדער, וואָס שטייען האַרט און שווער מיט נאָענטן ווינט.

אין נעגערישן דאָרף, זענען קלוג די נעגער וואָס ווייסן שוין פון גרויסע שטעט,
וואָס טראָגן קליידער מיט שטאָטישן שניט, און אַ וווּנד פון אַ ווילדן מעסער.
פון זייערע פיס רירט זיך ריטמישער דזשעז, גליטשיק און גרינג איבערן דיל.
נעגערטעס זעצן זיך שעמעוודיק אויף זייערע קני, מיט אָפענע שויסן.



William Gropper: *Migration*, c. 1932.



### ➤ *Negro Village*

The sky blooms cold and starry over Negro huts.
Waters run off the mild snow, freeze thinly into ice.
Chimneys rise smoking and dark, kerosene lamps flicker in the windowpanes,
And through the windows Negroes sing on a Sunday in the Negro village.

A Negro village on a Sunday winter-evening feels like home.
Blackflesh in hot silk, lurking on roads for a Negro boy
And fleeing passionately with swaying hips from frenzied hands,
Through neighboring fields that stand hard and heavy with approaching wind.

In the Negro village, wise are the Negroes who know of big cities,
Who wear clothes of city cut and the wound of a savage knife.
From their feet moves rhythmical jazz, gliding and light over the floor.
Negresses sit bashfully on their knees, with open laps.

אין איטלעכן הויף, פאַר איטלעכער שוועל, ליגן רויִק געלאַסענע הינט,
די העלדזער אויסגעקראָכן, צוגעטשעפּעט צו אַ געפונען שטיק בראָכוואַרג;
זיי זענען באַרעמהאַרציק צו אַ דורכגייער און עסן פון אַ פרעמדער האַנט,
און מאַכן היימיש אַ מענטש, וואָס שטעלט זיך אָפּ אַ מאָל בײַ נאַכט אין נעגערישן דאָרף.

אין וואַלד, העט הינטערן נעגערישן דאָרף, העט הינטערן נעגערישן צמענטאַש,
טלִיען פײַערן און שאָטענען אָפּ אויף ברייטע געזיכטער, שווערע קופּערנע הענט.
העק פאָכען געשמאַק איבער ביימער, אין דורכזיכטיקן רויך,
און ס'ברעכן זיך שאַרפע צווײַגן, טרוקן שפּרינגען אָפּ שפּענער אין דער נאַכט.

ס'שטייט אַן אָפּגאָט אַזאַ ווי אומעטום, ס'זינקט אַ קלויסטער אַזאַ ווי אומעטום.
נאָר אויפן צמענטאַש אַ שוואַרצער קברן, אַ שוואַרצער גלח, שוואַרצע מתים.
אַ לוויה מיט אויפגעהויבענע אָרעמס, יעמערט פאַר אַן אָפן קבר אין יעלהדיקער תפילה,
און קיל שמעקט די צעגראָבענע ערד מיט אַ פריש טרונעלע, מיט אַ פריש געשטאָרבן קינד.

ס'דאָרף טרויערט דורך שיכּרות, דורך פאָרכט און דורך מילדער שטאַמלונג.
ס'טראָגט קיינער אויף קיינעם נישט קיין קללה, אויף אַלעמענס ליפּן אַ שטילע באַגריסונג.
אַ נר־תּמיד אויפן קייזערוועג לײַטערט "לינקאָלנס" געזיכט אין ליכטיקן טרויער
און ס'קוקן זײַנע אויגן אַראָפּ מיט אַזוי פיל באַשערמונג צום נעגערישן דאָרף.

די לבֿנה גייט אויף אַ צעוואָרפענע אויף די פענצטער, אַ צעוואָרפענע איבער דעכער,
און גרינלעך־קיל, העלן אויף די שויבן; שוימיק, ווי אָוונטיק וואַסער אין ווינט.
דורך אומעטיקע שפּיגלען אַנטפּלעקט זיך אויסגעטאָן אַ פּלוצעמדיק לײַב,
און ברוינלעך־שווער ווערן די שטיבער ענג מיט וואַרעמען נעגערישן ריח.

ס'טאָגט אויף דער מאָרגן איבער מאָגערע פעלדער. קינדער קריטיקן אין די וויגן.
טויבן רירן זיך פויל, קלאַפּן טרוקן מיט די פליגל און וואָרקען אויף נידעריקע נעסטן.
נעגערישע נאָנעס אין קליידער אַזעלכע ווי ווײַסע, עפענען טרויעריק איטלעכנס טיר
און לאָזן נאָך זיך אַ שטיל ביסל עסן, אַ וואַרעם לײַבל און אַ געוואָשן העמדל.

פונעם נעגערישן דאָרף ציִען קאַליקעס, און גייען זיך פונאַנדער אין פרעמדע שטעט.
די וואָס זענען שטום, בלינד, פירן מיט זיך אַ קינד, אַ ווײַב, זאָל העלפן בעטן.
און די מיט צערונענע געזיכטער, מיט בלוטיקע אויגן און אויסגעשטאַרצטע ליפּן,
צעשטעלן זיך רחמנותדיק אויף די ראָגן, פאַרגייען אין שיכּרות און שטאַרבן קלוג.

➤ ניגראָ דזשאָרדזש

פאַרטאָגיקער רויך טליִעט אויף אַ שטאָטיש פעלד אין אַ פאַרטאָגיקן דעצעמבער,
פרעמד צעהייצטער רויך פון אַ פרישן נעגעריונג פון נעגערישן דאָרף.
פון זײַן געצעלט ווייעט צוגערירטער פראָסט, קעלט פון ראָסטיק בלעך.
און אויף אָנגעקליבן האָלץ — טרוקענען קליידער, אַ וועסט און אַ היימיש העמד.

אין שטאָט גייט ער אום אין שווערן ווינט אַ פאַרלוירענער און קיינעמענס נישט.



In each yard, before each threshold, calm dogs lie quietly,
Their necks bald, tied to a stray piece of scrap.
They are merciful to the passer-by; they eat out of a stranger's hand;
A man who stops at night in the Negro village feels at home with them.

In the forest, far beyond the Negro village, far beyond the Negro cemetery,
Fires smoulder and cast shadows on broad faces, on heavy copper hands.
Axes wave gleefully over trees, in the transparent smoke,
Sharp branches break and slivers splinter dryly in the night.

A cross stands here as everywhere, a church as everywhere.
But in the cemetery a black undertaker, a black priest, black corpses.
A funeral with raised arms, wailing before an open grave in a lamenting prayer,
And a chill smell of dug-up earth with a fresh coffin, the fresh body of a child.

The village mourns in drinking, in awe and in mild stammering.
No one swears at anybody, on all lips a quiet greeting.
A memorial candle on the highway lights up "Lincoln's" face in bright mourning
And his protective eyes look down on the Negro village.

The moon rises scattered on the windows, scattered over the roofs,
The panes light up with a greenish chill, foamy like evening waters in the wind.
In sad mirrors emerges undressed a sudden body,
Brown-and-heavy grow the houses, dense with warm Negro smell.

The morning dawns over meager fields. Babies lie dirty in their cradles.
Doves move lazily, beat dryly with their wings and hum in low nests.
Negro nuns, clad like white ones, sadly open every door
And leave behind them a quiet bit of food, a warm undershirt, a clean blouse.

From the Negro village, cripples trudge off and scatter over alien cities,
Some that are mute or blind take with them a child, a wife, to help them beg.
And those with washed-out faces, with bloodshot eyes and protruding lips,
Stand pitifully at street corners, sink in drinking and die wisely.

➤ *Negro Geo'ge*

Early morning smoke smoulders over a city field in a December dawn,
Alien smoke fueled by a Negro boy fresh from a Negro village.
From his tent blows hoarfrost, the chill of rusty tin;
On a pile of gathered wood, clothes are drying, a vest and a shirt from home.

In the city he walks around in the heavy wind, lost and belonging to no one.

ס׳צעשיטן זיך זײַנע טריט אין שניי, פֿון זײַנע אויגן צעפּאַלט טריפֿנדיקע קעלט.
און אויפֿן געזיכט טריבט ס׳ליכט פֿון פֿאָנאַרן, דער רייץ פֿון שויפֿענצטער.
ס׳באַגריסט אים קיינער נישט; מע פֿרעגט זיך בײַ אים אַפֿילו אויף קיין גאַס נישט אָן.

אַ צעקנעפּלטער, אין אַ געפֿונענעם קאַפּעליוש וואָס אַ זאַווערוכע האָט עמעצן פֿאַרבלאָזן,
שפּרײַזט ער לעם עלעגאַנטע רינשטאָקן און זאַמלט אָפּפֿאַל פֿון גערויכערטע פּאַפּיראָסן.
און מיט אַ גוט האַרץ צעוואַרפֿט ער זיי אויף הינטער שוועלן ווו ס׳נעכטיקן בעטלער.
די וואָס זענען וווּנדיק און שלאַף, פֿירט ער צו זיך אַהיים אויפֿן שטאָטישן פֿעלד.

זײַנע ליפּן זענען טרויעריק ווי ס׳נעגערישע דאָרף און שילטן די שרעק פֿון שטאָט.
ס׳שטומט אין אים ס׳בלוט פֿונעם טאַטן פּעטערסאָן, די לעגענדע פֿון זײַנע זיידעס.
פֿון זײַן לײַב רירט זיך די בײַטש, וואָס האָט זײַנע זיידעס אויפֿן מאַרק פֿאַרטריבן.
אין דער זון דעם טויט דערזען, און אויף די בײַוול-פֿעלדער שוואַרץ אויסגעשטאָרבן.

ר׳איז מיט גרימצאָרן אין דער שטאָט אַוועק צו געשטאַלטיקן איטלעכן ווי זיך.
זײַנע גלידער רײַסן זיך צו באַשאַפֿן מענטשן טונקעלע ווי זײַן לעגענדע.
שוואַרץ ווי זײַן מאַמע, ווי זײַן שוועסטער, ס׳איז ווילד אין אים די זרע
צו באַפֿרוכפּערן אַ פֿרוי אויף צו געבערן לײַבער אַ סך פֿאַר אַ שוואַרצער וועלט.

ניו-יאָרק איז אָבער שטאַרקער ווי אַ לעגענדע, אַזעלכע ווי ער שטאַרבן אָן טרויער.
און אויף ס׳נײַ מוז ער טאָגן אויפֿן מאַרק עמעץ זאָל אים דינגען פֿאַר אַ ביסל געקעכץ.
ער ווערט באַרעמהאַרציק צו זײַנע שכנים וואָס שטייען מיט אים בײַנאַנד אויף דער זון,
און די גלידער זײַנע רײַסן זיך שוין מער נישט אַזוי הייס, נאָר ווערן ווייך מיט גענאָד.

ס׳האָט די שטאָט געשטילט ס׳פֿײַער פֿון זײַנע אויגן און די היימישקייט פֿון דאָרף.
איצט איז ער רחמנותדיק מיט אַ טרויעריק געזיכט, יונג-געשפּראָצטע האָר,
און לויטערט ווי אַ לעגענדע מיט אַ פֿאַרהוילענער נקמה פֿאַר די טאַטעס פֿון קאַראָלײַנע.
בײַ נאַכט גייט ער אויף ווי אַ חלום, און זאַלבט זיך פֿאַרן שוואַרצן דערלייזער.

אונטער אַ מאָנטנעם הימל אָן זון, אָן וואָלקנס, מילד מיט שווערן נאַסן שניי:
בלאָטיקן זײַנע הענט אין מיסטגראָבנס. און קאָפּען אויף אַ נוצלעך שטיק אַלטוואַרג,
אַן איבערגעקליבענעם שוך, אַ פֿאַרזעענעם מלבוש, אָדער האָלץ פֿון צעגראָבענער ערד.
פֿאַר זײַן געצעלט וואַרטן צענויפֿגעזאַמלטע קליידער, צו דערנערן אַ מענטש פֿון קעלט.

צו זײַן געצעלט אויפֿן פֿעלד, ציִען זיך שלעפּערס, פֿרויען, שוואַרצע און ווײַסע,
און ער האָט פֿאַר זיי קיין גאָט נישט, ער קען פֿון זיי קיין תּפֿילה נישט נעמען,
ר׳האָט בלויז דעם גאָב אַוועקצושענקען ס׳ביסל אָפּגעשפּאָרט עסן פֿון לײַטיש מיסט.
די רייד זײַנע זענען ווי בײַ אַלע נעגערס, אָן טרייסט, נאָר מיט אַ האַרץ פֿון רחמים.



*Berysh Vaynshteyn*

His steps scatter in the snow, dripping cold falls from his eyes,
On his face glooms the light of lanterns, the tease of shop windows.
No one greets him; they don't even ask him how to find a street.

Unbuttoned, in a stray felt hat that a blizzard blew off somebody's head,
He strides past elegant gutters and collects cigarette butts;
With a good heart, he drops them at back-doorsills where beggars sleep.
Those who are wounded and weak—he takes them home to the city field.

His lips are sad like the Negro village and curse the fear of the city.
The blood of father Patterson, the legend of his grandfather, is silent in him.
His body flinches from the whip that drove his grandfathers to market.
They saw death in the face of the sun. In cottonfields they died out blackly.

Enraged, he went to the city to shape everyone like himself.
His limbs burst to create people dark as his legend,
Black as his mother, as his sister, the seed is wild in him
To fertilize a woman to bear many bodies for a black world.

But New York is stronger than a legend, people like him die without mourning,
And again he must dawn at the market for someone to hire him for a warm meal.
He becomes gracious to his neighbors standing with him in the sun
And his limbs don't burst anymore so hotly but grow soft with forgiveness.

The city cooled the fire of his eyes and his village homeyness,
Now he is full of pity, wears a sad face, young-sprouting hair,
And brightens like a legend with a hidden vengeance for the fathers from
Carolina.
At night he rises like a dream and anoints himself for the black savior.

Under a murky sky without sun, without clouds, mild with heavy wet snow,
His hands are mud in garbage bins. They dig up a useful piece of junk,
A cast-off shoe, a forgotten garment, or wood from upturned earth.
Before his tent, a heap of clothes waiting to feed a man from the cold.

Drifters, women, black and white, trudge to his tent in the field,
And he has no god for them, he would not take any prayer from them,
He has only the gift of giving away the bit of saved-up food from people's
garbage.
His talk is like that of all Negroes, with no consolation, but with a heart of pity.

160 47 124

כאָטש די זון וואָס שפּאַרט אָן אויף זײַן געצעלט, איז ווי די זון פון דאָרף
איז עס אָבער די זון, וואָס פירט אים אַרום צווישן מױערן אין דער העלער שטאָט
און פאַרוואַרפט אים אויף אַ רוישיקן ראָג מיט אַ נאַריש פּנים און בעטנדיקע ליפּן
און די אויגן זײַנע זוכן אַ מענטש פון דער קעלט צו פאַרקויפן ס'היימישע העמד.

Though the sun leaning on his tent is like the sun in the village,
It is still the sun that leads him among walls in the bright city
And throws him into a noisy corner with a stupid face and begging lips,
And his eyes look for a man coming out of the cold to sell him his shirt from home.

➤ לינטשינג

ס'פּאַרציקן דיך ווײַסע ווילדע הענט, הענט מיט אַ געפונענעם שטריק,
און ס'קרייציקט אַ יולי-בוים דײַן נעגערישן האַלדז;
אין זײַן שווערער רײַפקייט, אין זײַן פולער בליִונג.
אין דער סאַמער גרינקייט פון בלעטער איז האַפּטיקער די צווײַג
זי ברעכט נישט אָפּ אונטער דער פּעטליע.
דער זון אַנטקעגן קלעקט דײַן האַלדז מיט סמנים פון תּליונס פינגער,
בלעטער שלאָגן אויס אין טוי ווי אַלעמאָל און רירן זיך לינד ווי אַלעמאָל;
און זיי פילן נישט אַז דאָס טרייסלט זיי אַ ווינט פון אַ געהאָנגענעם.

הענגסט שוואַרץ אין געשינדענע קליידער.
די שאַנד דײַנע שטאַרבט אָפּ אָפן און יונג.
גראָב שווערן אַראָפּ די פאַרלאָשענע ליפּן
און פאַר איטלעכנס אויגן שטומט דער בלענד פון דײַנע שטאַרקע ציין.

גאָט פאַר וועמען ס'האָט געטרערט דײַן זינגענדיק געבעט אַזוי טרויעריק,
קען זיך פאַר דיר אַצינד נישט ווײַזן, ס'שפּאַרן אים די פיס, די צוגענאָגלטע הענט,
ער קען אפילו נישט אַן אויג עפענען מיט אַ טרער נאָך דיר,
אָדער אָננעמען ס'לעצטע וואָרט דײַנס פאַר אַ וידוי, ר'איז אַליין געקרייציקט.

נעגער!
ס'בליט דײַן גוף אין אַ זומער-טאָג כאָטש דו הענגסט, כאָטש דו זעסט די זון נישט מער.
ס'ווײַב דײַנס וואָס בעט אויס איר אָוונט אויף אַ ווײַטיקער שוועל אין אַ גאַס,
און דעם טאַטן וואָס ציילט שטיקער חלב איטלעכן פאַרטאָג אין אַ יאַטקע-וואָגן.

נעגער, ניט אויף דיר בלויז איז געפאַלן דער גורל פון פאַרלענדונג.
אַ סך, אַ סך, שטאַרבן אַזוי ווי דו, אַזאַ טויט איז איצט אַ מאָדע אַזאַ,
אַזוינאָך שטאַרבט מען היינט אומעטום — — —
אין וועדינג, אין דער לעאָפּאָלד-שטאָט און אין קאַראָליינע.

➤ *Lynching*

White wild hands snare you with a stray rope,
And a July tree crucifies your Negro neck,
In its heavy ripeness, in its full bloom.
In the thick of green leaves the branch is more pliant,
It does not break with the weight of a noose.
Your neck with marks of the hangman's fingers—blots in the sun.
Leaves break out in dew and sway gently as ever
And don't feel that they are shaken by the wind of a hanged man.

You hang black in flayed clothes.
Your drooping shame dies open and young.
The extinguished lips sag thickly
And the dazzle of your strong teeth—a mute challenge to all eyes.

Your singing prayer wept so mournfully to God,
But he won't appear to you, his legs burst, his nailed hands,
He cannot even open an eye with a tear for you
Or accept your last word as a confession—He's crucified Himself.

Negro!
Your body blossoms on a summer day though you hang, though you no longer
see the sun,
Your wife making her evening bed on a back doorstep in a street
Or your father, counting pieces of suet in the morning on a meat wagon.

Negro, the fate of destruction fell not only on you.
Many, many die like you. Such a death is now in fashion,
Like this they now die everywhere— — —
In Wedding, in Leopoldstadt and in Carolina.

161